פון דעם איינעם קלאנג אוי און פון דעם צווייטן
געמאכט איך האב אלע מיינע טויזנטער לידער;
און די פרייד אין זיי וואס זינגט ארויס —
אינם חדר שוין געלערנט פונם רבינס סידור:

חולם אלף אוי — מיין טרוים שוין אזא מידער.

!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

# "ש פ ו ך ח מ ת ך"

מיר זיינען נאך אלץ נישט געקומען צו זיך,
נאך דעם בראך וואס אזוי ביטער געליטן,
א דריטל פון אונז געווארן פארשניטן.

און נישט נאר דאס מארדן און דאס אויסראטן,
נאר דער אופן, ווי ס'איז געוועזן — לעזן,
מען וועט עס דאך נישט גלויבן ווען מען וועט עס

ווען נישט די טרייסט געקומען, די נחמה,
אונזער לאנד ארץ־ישראל צוריקבאקומען,
פון גרוים טרויער מיר וואלטן געווען פארקומען.

די פרייד דעמלט, די פארשכורטע שמחה,
אויפגעוועקט אונז נ'מיטן גסיסה־געראנגל —
די זון שיינט אויף און ס'גייט אויף גאלדן זאנגל.

עס וועט זיין ווי אין שיר־המעלות־געזאנג,
מיט טרערן געזייט, מיט פרייד סנאפעס געבונדן!
און אין דער זון היילן אונזערע וואונדן — —

נו, שארפן גאר מיאוסע שונאים די קאסעס,
נאך איידער ס'צייטיקט אונטערצושניידן –
און ווי געליטן, נאך שווערער ליידן.

ףףףףףףףףףףףףףףףףףף